**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, AMTRAK און ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט אנאנסירן אז טיקעטס זענען יעצט דא צו באקומען פאר דירעקטע באן רייזעס צו די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר**

***טעגליכע באן סערוויס פארזיכערט אז מענטשן וואס גייען צו פעירס קענען האבן א זיכערע, באקוועמע, ביליגערע און גוט פאר די ענווייראמענט וועג צו פארן***

גאווארנער קעטי האקול, צוזאמען מיט אמטראק און די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע, האבן היינט געמאלדן אז טיקעטס זענען יעצט אויף סעיל פאר דירעקטע באן רייזעס די זומער צו און פון די עמפייער סטעיט'ס גרעסטע יערליכע עווענט - די [גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר](). די טעגליכע באן סערוויס ערמעגליכט אמטראק באנוצער און פעיר באזוכער צאמצושטעלן די בענעפיטן פון א זיכערע, באקוועמע און ענווייראמענטלי סוסטעינעבל רייזע מעגליכקייט, מיט די ערפארונג פון איינס פון ניו יארק סטעיט'ס בעסטע זומער עווענטס גאנץ מיט די בעסטע מוזיקאלישע פארשטעלונגען אגריקולטורעלע אויסשטעלונגען, פאמיליע פאן און גוטע עסן. פיר באנען וועלן מאכן טעגליכע סטאפס ביי די פעיר דורכאויס די 13 אפערירנדע טעג, אנגעהויבן פון מיטוואך, אוגוסט 21 אנגייענדיג ביז מאנטאג, סעפטעמבער 2. טיקעטס זענען יעצט צו באקומען ביי [Amtrak.com](), דורך די אמטראק מאבייל אפפ, ביי די סטאנציעס טיקעט קאונטערס, אדער דורך רופן 1-800-USA-RAIL.

"עס איז דא עפעס פאר אלעמען ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר - גוטע עסן, לייוו מוזיק, ריידס און שפילן, און אויסשטעלונגען באווייזנדיג די בעסטע אין ניו יארק אגריקולטור - און אנקומען דארט מיט די באן מאכט עס לייכטער ווי אלעמאל הנאה צו האבן פון איינס פון די גרעסטע עווענטס אין אפסטעיט ניו יארק," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "דירעקטע באן רייזעס ערמעגליכט פעירגייערס אנצוקומען פארזיכערט און אויסקוקן די פעיר."

דורך נעמען די באן, וועלן פעיר באזוכער איבערהיפן טאלס, טרעפיק, און פארקינג צאלונגען, און אפהיטן אויף געז דורך אנקומען פון די פעירגראונדס דורך אויסגעוועלטע עמפייער סערוויס (באנען 281,283, און 284) און מעיפל ליעף(באן 64) באנען, וועלכע וועלן מאכן טעגליכע סטאפס ביי די סטעיט פעיר (צווישן סטאפס בין ראטשעסטער און סיראקוס סטאנציעס). די Amtrak סטאנציע ביי די פעיר איז אויף די הונטערשטע זייט פון די פעיר שטח, נעבן די Suburban Park קאנצערט פלאץ. באן סערוויס צו די פעיר נעמט אריין:

- מעיפל ליעף באן 64 - פארט ארויס פון **טאראנטא** אום 8:20 צופרי און קומט אן צו די פעיר אום 2:28 נאכמיטאג
- עמפייער סערוויס באן 281 - פארט ארויס פון **ניו יארק** אום 10:21 צופרי און קומט אן צו די פעיר אום 4:19 נאכמיטאג
- עמפייער סערוויס באן 283 - פארט ארויס פון **ניו יארק** אום 1:21 נאכמיטאג און קומט אן צו די פעיר אום 7:11 נאכמיטאג

- עמפייער סערוויס באן 284 - פארט ארויס פון **ניאגרא פאלס** אום 6:27 צופרי און קומט אן צו די פעיר אום 9:23 צופרי

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע קאמישענער מארי טערעז דאמינגועז האט געזאגט,**"די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז איינס פון די הויפט אטראקציעס אין די נארטאיסט, און איינס אויף וואס איך קוק ארויס יעדע יאר. סיי אויב עס איז דיין ערשטע מאל וואס דו גייסט מיטהאלטן די פעיר, אדער אזויווי מיר, עס איז א יערליכע טראדיציע, איז נישט דא קיין בעסערע וועג אהינצופארן, ווי די באן - עס איז לייכט, קיל און באקוועם! א דאנק צו אונזערע פארטנערס פון אמטראק פארן נאכאמאל צושטעלן די גוטע רייזע מעגליכקייט."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישענער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "אונזער גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז, פאר און איבער אלעס, א אומגלויבליכע יערליכע אויסשטעלונג פון ניו יארק אגריקולטור'ס רייכע טראדיציעס און נייע אויסטערפונגען. נישט צו דערמאנען, עס איז פשוט אסאך פאן! מיר זענען דאנקבאר פאר אונזער פארטנערשאפט מיט אמטראק און NYSDOT וואס העלפן צו ברענגען מער פעירגייערס - פון דורכאויס ניו יארק סטעיט און ווייטער - גלייך צו אונזער טיר אז זיי זאלן קענען לערנען מער איבער ניו יארק אגריקולטור און מיטלעבן אלע וואונדער וואס די 13-טאגיגע עקספיריענס שטעלט צו."

**ניו יארק סטעיט פעיר דירעקטאר יולי לאפאוו האט געזאגט,** "אלס א אויסשטעלונג פון אלעס וואס איז גוט איבער ניו יארק סטעיט, איז אונז וויכטיג אז די ניו יארק סטעיט זאל זיין ערמעגליכט פאר אזויפיל ניו יארקערס מעגליך! דאס איז פארוואס מיר זענען צופרידן זיך נאכאמאל צאמצושטעלן מיט אמטראק און NYSDOT אויף די לייכטע, באקוועמע מעגליכקייט צו פארן צו און פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר. מיר לאדענען יעדעם איין צו קומען מיטלעבן די פארמינג, עסן, און פאן וואס האבן שוין לאנג געמאכט די פעיר א הויפט-טייל פון צענטראל ניו יארק'ס זומער, און מוטיגן פעירגייערס צו באטראכטן באן רייזע אלס א גוטע מעגליכקייט פאר זייערע רייזעס."

**אמטראק ווייס פרעזידענט, סטעיט געשטיצטע סערוויסעס רעי לאנג האט געזאגט,** "צושטעלן אמטראק סערוויס צו די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז א יערליכע טראדיציע וואס מיר זענען שטאלץ אנצוהאלטן. א דאנק צו גאווארנער האקול און אונזערע פארטנערס פון NYSDOT, קענען ניו יארקערס האבן אלע בענעפיטן פון נעמען די באן פאר און נאך די פאן, עסן און שפילן פון וואס זיי וועלן הנאה האבן ביי די פעיר."

אמטראק האט שוין צוגעשטעלט באן רייזעס צו די ניו יארק סטעיט פעיר זייט 2002. דער 'עמטרעק' סטאנציע קאָוד פאר דעם ניו יארק 'סטעיט פעיר' איז NYF. באנוצער קענען אויך אויסגעבן ווייניגער אויף זייער טריפ מיט אמטראק'ס [See NY and Save] דיסקאונט דורך באשטעלן אנליין כאטש פינף טעג פארן פארן אדער [דורך געווענליכע] דיסקאונטס פאר קינדער, עלטערע, מיליטערישע גרופעס און מער. באנוצערס וועלן הנאה האבן פון אומזיסטע Wi-Fi, ביזנעס קלאס זיצן, די פרייהייט צו נוצן פאונס און עלעקטראנישע דעווייסעס אין אלע צייטן (נישט קיין "עירפלעין מאוד"), א קאפע קאר, גענוג פלאץ פאר די פיס און גרויסע ברייטע זיצן.

[די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר] עפנט זיך מיטוואך, אוגוסט 21 און גייט אן ביז לעיבער דעי, סעפטעמבער 2. איינטריט איז $8 אין צוגאב צו צאלונגען פאר ערוואקסענע, און קינדער פון 12 און יונגער און די פון 65 און עלטער זענען אומזיסט. טיקעטס נעמט אריין צוטריט צו אלע גראונד אונטערהאלטונגען, אגריקולטורעלע פארמעסטן און אויסשטעלונגען, און איינטריט צו קאנצערטן אין שעווי קאורט און סובורבן פארק.

געגרונדעט אין 1841, שטעלט די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר ארויס די בעסטע און שענסטע פון ניו יארקע אגריקולטור, עס שטעלט צו אונטערהאלטונג פון די העכסטע קוואליטעט און איז א וויכטיגע חלק פון די סטעיט'ס צענטראל ניו יארק - זיך הייבנדיג (CNY Rising) סטראטעגיע צו מאכן די צענטראל ניו יארקע עקאנאמיע וואקסן דורך טוריזם. עס איז סטאבילערהייט אנערקענט אלץ איינס פון די פינף בעסטע סטעיט פעירס אין די פאראייניגטע שטאטן.

די ניו יארק סטעיט פעיר שטח איז 375 אקער גרויס און איז פול מיט אויסשטעלונגען און אונטערהאלטונג וואס זענען אפן א גאנץ יאר. באטייליגטע זענען געמוטיגט צו לערנען מער איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר אנליין, און נאכפאלגן די פאן דורך בילדער אויף Flickr, ווי אויך דורך זיך פארבינדן מיט די פעיר אויף סאשעל מידיא דורך X, Facebook און Instagram.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן